בס״ד

לך לך תשפ״ג
גליון 115

# דעם רבינ'ס ליכט

## דער ריינער קוואל



אַייעֶרע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין
וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר״ן ר״ט)

**אַ גוּטְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער,**

דִי וָואךְ שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה וֶועגְן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אוּנְזֶער זֵיידֶע, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן פוּן אַלְס קְלֵיין אִינְגְל, וֶוען עֶר הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעווּאוּסְט וֶוער עֶס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט. עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶעוַואקְסְן מִיט קְרוּמֶע וֶועגְן, בַּיי זַיין טַאטְן תֶּרַח אִין שְׁטוּב, אַזוֹי אוֹיךְ אִין דִי גַאסְן הָאט מֶען גֶעשְׁטִימְט מִיט דִי דֵעָה פוּן נִמְרוֹד, דֶער גַאנְצֶער דוֹר אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע דֵעוֹת, מְשׁוּגַעתְ'ן מִיט דִמְיוֹנוֹת, אוּן אַלֶע סָארְטְן עֲבוֹדָה זָרָה'ס.

אוּן אַבְרָהָם אַלְס קְלֵיין אִינְגְל פוּן דְרַיי יָאר אִיז גֶעגַאנְגֶען פָּארְשְׁטְן וֶוער עֶס הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, אוּן פַארְוָואס הָאט עֶר דָאס בַּאשַׁאפְן, פַארְוֶועם? בִּיז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַאר אִים בַּאוִויזְן אוּן אִים גֶעלָאזְט וִויסְן אַז עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט אַלֶעס כְּדֵי אַז עֶס זָאל זַיין אִידְן וָואס זָאלְן אִים דִינֶען. אַבְרָהָם אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, רֹאשׁ לַמַּאֲמִינִים. דֶער בַּאשֶׁעפֶער רוּפְט אִים: ״אַבְרָהָם אוֹהֲבִי – מַיין לִיבֶּער אַבְרָהָם״. מֶען דַארְף אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, צוּלִיבּ וָואס פַארְצֵיילְט אוּנְז דִי תּוֹרָה דִי אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת, וֶועגְן וֶועלְכֶע מַטָּרָה, סְתָם צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת חַס וְחָלִילָה?




עֶס אִיז דָא אַ לָשׁוֹן אִין תַּנָּא דְבֵי אֵלִיָּהוּ, ״אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּאַבְרָהָם, אֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּיִצְחָק, וְאֵין דוֹר שֶׁאֵין בּוֹ כְּיַעֲקֹב״, אִין יעדן דוֹר זֶענֶען פַארְהַאן יְחִידִים אַזוֹי וִוי אַבְרָהָם, יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב! וִוי קֶען דָאס זַיין? אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט זִיךְ דָאךְ גֶעלָאזְט אַרַיינְוַוארְפְן אִין פַייעֶר, נִמְרוֹד הָאט אִים גֶעזָאגְט: ״אוֹיבּ דִי דִינְסְט נִישְׁט עֲבוֹדָה זָרָה, וֶועל אִיךְ דִיר אַרַיינְוַוארְפְן אִין פְלַאקֶערְדִיגְן קַאלֶעך אוֹיוְון״ אַזַא מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט נִישְׁט מוֹרָא, עֶר גֵייט אַרַיין אִין פַייעֶר, אַזַא כֹּחַ!

לָאמִיר זֶען וָואס דֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְגַלֶּה, אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַזַא בְּחִינָה פוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי זָאגְט אִין שִׂיחַת הָרַ״ן (שִׂיחָה י״ב) אוֹיפְן פָּסוּק, ״כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם נֶחְשַׁבְנוּ כְּצֹאן טִבְחָה (תְּהִלִּים מד, כג)״ פַאר דִיר בַּאשֶׁעפֶער לָאז אִיךְ זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג הַרְגְ'נֶען, אַזוֹי וִוי שֶׁעפֶעלֶעךְ. בְּרֶענְגְט דֶער רֶבִּי אַ תִּקּוּנֵי זֹהַר, אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף תְּפִלָּה, וִוי בַּאוואוּסְט אַז תְּפִלָּה אִיז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַנְשְׁטָאט אַ קָרְבָּן. מִיר אִידְן ווִילְן בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן – מִיר ווִילְן דַאוֶונֶען אוּן מֶען לָאזְט אוּנְז נִישְׁט, מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה, מַעֲרִיב אָדֶער תְּהִלִּים אוּן בְּעִקָּר דִי אֵייגֶענֶע תְּפִלּוֹת אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מֶען לָאזְט אוּנְז נִישְׁט

המשך אויף זייט 7

# נֶעלָם גֶעוָוארְן דוּרְכ'ן פֶּענְסְטֶער

*נאך א לענגערע הפסקה, זענען מיר ווייטער ממשיך מיט'ן סיפור פון ר' חיים בנימין בראד ע"ה וויאזוי ער האט זיך געפלאגט מיט'ן געבן א אידישן חינוך פאר זיינע קינדער אין אוקריינע, אונטער די נעגל פון די רוסישע חיות.*

ר' חיים בנימין האט געזוכט א לעזונג פאר זיין טייערער זון, יחזקאל, ער זאל בלייבן באהלו של תורה. עס זענען אפירגעקומען שמועות אז אין גרויסן שטאט חארקוב גייט און באהאלטענערהייט א חדר, וואס מאכט זיך נישט צוטון און איז נישט אונטער די השפעה פון די שטאטישע באאמטע.

ר' חיים בנימין האט זיך גלייך ארויסגעלאזט מיט יחזקאל קיין חארקוב, און אים אריינגעגעבן אין דער חדר. אזוי אויך גע'דאגה'עט אז גוטע אידן זאלן אים אריינעמען אין שטוב, און מאכן מיט אים הכנסת אורחים, ווי עס איז געווען דארט איינגעפירט אזוי ווי 'טעג' אין אונגארן, מיט א טעגליכע סדר און רשימות, יעדן טאג עסט מען ביי א צווייטן איד. פון חארקוב האט דער טאטע ממשיך געווען זיין נסיעה קיין מאסקעווע, צו זוכן א פרנסה אין דער הויפט שטאט פון רוסלאנד.

ס'איז גאר שווער געווען פאר יחזקאל, אלץ א קליין קינד, זיך צוגעוואוינען צו וואוינען אין א פרעמדע שטוב, און איז גאר שנעל צוריקגעקומען צוריק קיין אומאן. אין יענע טעג האבן נישט אויפגעהערט צו קומען בריוו פון דער רעגירונג, מיט א פארלאנג אז יחזקאל זאל קומען לערנען אין די פאבליק סקול. דער טאטע איז געווען דעמאלט אין מאסקעווע, און די מאמע מיט איר שטארקע הארץ האט זי זיך נישט צוטון געמאכט פון די בריוון.

פאלגנד איז געווען באשריבן פון יחזקאל (מען האט געטוישט זיין נאמען צו מענדל, וייל ווילאנג די קאמוניסטן זענען נאך פעסט אנגעגאנגען מיט זייער רשעות, האט מען נישט געשריבן ריכטיגע נעמען, אפילו אין אויסלאנד, אז טאמער א אידישע מסור וועט דערווישן די שרייבעריי זאל ער נישט מאכן קיין צרות):

"די אידישע קינדער זענען געווען אויף ציפקע צרות. אין די שטאטישע שולעס האט מען געשטאפט די אינגע קעפ מיט קאמעניסטישע פראפאגאנדע, אנגעפילט אין די אינגע מוחות א שנאה צו אידישע רעליגיע. מען האט געלערנט די קינדער זיך צו באציען אפילו צו די אייגענע עלטערן מיט פארדעכטיגקייט און שפאט. נאכמער, די אידישע תלמידים זענען געווען געצוואונגען צו זיצן אין שולע מיט בלויזע קעפ, און זיך אנפאשן מיט די קאמעניסטישע אפיקורסות.

פארשטייט זיך אז יחזקאל האט נישט געהאט קיין גרויס חשק צו באזוכן אזא חדר. זיין מאמע'ן האט ניטאמאל געדאכט אים צו שיקן אהין, אבער אין יענעם יאר, תרצ"ה, האבן די באאמטע זיך גענומען אן אקציע צו באצווינגען אלעמען, אויסצופירן דאס געזעץ מיטן גאנצן שטארקייט. די שטאטישע אויפזעער זענען ארומגעגאנגען איבער אלע הייזער, צו מאכן זיכער אז די עלטערן פאלגן אויס און שיקן די קינדער אין זייערע שולעס.

"ויהי היום, דער אויפזעער פון די שולע, בכבודו ובעצמו, איז געקומען צו די מאמע איר צו איבעררעדן זי זאל שיקן איר קינד אין שולע. ווען יחזקאל האט באמערקט אז דער אויפזעער דערנענטערט זיך צו זייער הויז האט ער געהויבן פיס און זיך ארויסדערווישט דורך די אונטערשטע פענסטער. נאך יענעם נאכט האט אים זיין מאמע באגלייט צו די באן סטאנציע, אים געקויפט א קארטל און אפגעשיקט קיין קיעוו."

די קומעדיגע פאר יאר האט יחזקאל געוואנדערט פון שטאט צו שטאט, איבערלאזנדיג זיין ווארימע היים. ער פארציילט

המשך אויף זייט 7

## אַ מַעֲשֶׂה'לֶע מִיט פֵייגְלֶעךְ...



אַ גוּטְן, אִיךְ הֵייס שְׁמוּאֵלִ'י, אִיךְ וואוין אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט. אִיךְ גֵיי אִין סַאטְמַאר חֵדֶר, אִין כִּתָּה ד'. אוּן יֶעצְט צוּ מַיין מַעֲשֶׂה:

"אוֹי, שׁוֹין וִוידֶער דִי פֵייגְלֶעךְ!" הָאט מַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶערוּפְן, אַרַיינְקוּמֶענְדִיג אִין הוֹיז. דִי פֵייגְלֶעךְ הָאבְּן זִיךְ גֶעבּוֹיט אַ נֶעסְט פוּנְקְט הֶעכֶער אוּנְזֶער טִיר פוּן גַאס אוּן הָאבְּן אוּנְז נֶערְוִוירְט. יֶעדֶעס מָאל וָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי טִיר, גֶעקוּמֶען אִין גֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן אַנְטְלָאפְן הֶעכֶער אוּנְזֶערֶע קָאפּ, אוּן צוּמָאל הָאבְּן זֵיי זִיךְ מַמָּשׁ אַרַיינְגֶעהַאקְט אִין אוּנְזֶער נָאז...

אֵיין טָאג קוּמְט מַיין קְלֵיינֶע בֶּעיבִּי בְּרוּדֶער אַרַיין אִין הוֹיז בַּאדֶעקְט אִינְגַאנְצְן מִיט דְזוּקֶעס [קַאקֶערוּדְזְשֶׁעס] פוּן קָאפּ בִּיז פוּס. מַיין מַאמֶע הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מַאכְן קוֹלוֹת, "וואוּ בִּיסְטוּ גֶעוֶוען?!" זִי הָאט גֶעפְרֶעגְט אַלֶע קִינְדֶער, וואוּ אִיז יַאנְקִי גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן בַּאוָואקְסְן מִיט קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

מַיין מַאמֶע הָאט אִים שְׁנֶעל אִיבֶּערְגֶעטוּן, אוּן אָפְּגֶעוַואשְׁן פוּן אַלֶע חַיּוֹת. ס'גֵייט נִישְׁט אַרִיבֶּער אַפָּאר מִינוּט אוּן וִוידֶער קוּמְט יַעְנְקִי אַרַיין מִיט דְזוּקֶעס. דָא אִיז שׁוֹין מַיין מוּטֶער מַמָּשׁ אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. זִי גֵייט אַרוֹיס צוּם טִיר אוּן טְרֶעפְט אַ פּוּשְׁקֶע וָואס אֵיינֶער הָאט אוּנְז גֶעבְּרֶענְגְט, אוּן אוֹיךְ דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּאדֶעקְט מִיט דְזוּקֶעס אַרוּם אוּן אַרוּם.

"אוֹי וֵויי, דִי פֵייגְלֶעךְ," הָאט מַיין מַאמֶע בַּאמֶערְקְט, "דִי דְזוּקֶעס קוּמֶען פוּן דָארְט. מֶען מוּז פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי פֵייגְלֶעךְ. אָבֶּער וִוי אַזוֹי? מֶען דַארְף אַ גְרוֹיסֶע לַייטֶער צוּ קֶענֶען דֶערְגְרֵייכְן. מַיין מַאמֶע אִיז גֶעוֶוען מַמָּשׁ פַארְצְוֵוייפְלְט. ס'אִיז גֶעוֶוען דָאנֶערְשְׁטָאג נָאכְמִיטָאג, שׁוֹין בַּאלְד שַׁבָּת, מֶען מוּז פָּטוּר וֶוערְן פוּן דֶעם אָנְשִׁיקֶענִישׁ נָאךְ פַאר שַׁבָּת.

מִיר הָאבְּן אַלֶע מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת. מַיין מַאמֶע עֶפֶנְט אוֹיף אַ טֶעלֶעפָאן בִּיכְל אוּן מִישְׁט אוֹיף צוּ דִי בְּלַאט וואוּ עֶס אִיז בַּאצֵייכְנְט אַלֶע נוּמֶערְן פוּן סְפֶּעצִיאַלִיסְטְן וָואס רוֹימֶען אוֹיס קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן, וִוי מוּרִישְׁקֶעס אוּן דְזוּקֶעס. זִי גֵייט דוּרְךְ דִי רְשִׁימָה אוּן וֵוייסְט נִישְׁט וֶועמֶען צוּ קְלִינְגֶען. זִי זוּכְט אֵיינֶער וָואס שְׁרַייבְּט זִיךְ אַז עֶר נֶעמְט אַוֶועק פֵייגְלֶעךְ אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁרִיבְּן מִיט דֶעם. אֵיינֶער הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַז עֶר נֶעמְט אַוֶועק חַיּוֹת. אָקֶעי, דַאן קֶען עֶר מִן הַסְּתָם אוֹיךְ אַוֶועקְנֶעמֶען פֵייגְלֶעךְ.

מִיט אַ הַארְצִיגֶע תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר זָאל זַיין דִי גוּטֶער שְׁלִיחַ, קְלִינְגְט מַיין מַאמֶע צוּ אִים. אֵיינֶער הֵייבְּט אוֹיף אוּן בַּאשְׁטֶעטִיגְט אַז עֶר קֶען אַוֶועקְנֶעמֶען פֵייגְלֶעךְ.

"אִיז שׁוֹין דָא בֶּעיבִּי פֵייגְלֶעךְ אִין דֶעם נֶעסְט?" פְרֶעגְט עֶר.
"יָא."

"דָאס מֵיינְט אַז עֶנְק הָאבְּן שׁוֹין פֵייגְל דְזוּקֶעס?" פְרֶעגְט עֶר.
"וָואס? דִי קְלֵיינֶע קְרִיכֶעדִיגֶע חַיּוֹת?" פְרֶעגְט מַיין מַאמֶע.

"יָא, זֵיי קוּמֶען צוּ פֵייגְל נֶעסְטְן. אָקֶעי, מָרַת... אִיר הָאט גְרוֹיס מַזָּל, אִיךְ בִּין פוּנְקְט יֶעצְט אַ גַאס אַוֶועק פוּן אֵייעֶר שְׁטוּב, אִיךְ קֶען שׁוֹין אַרִיבֶּערְקוּמֶען.

מַיין מַאמֶע הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גְלֵייבְּן אִיר גְלִיק. זִי אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז קַיין אֵיין אַרְבֶּעטֶער וֶועט נִישְׁט קוּמֶען צוּ אוּנְז פוּן שְׁטָאט פַאר שַׁבָּת. מִיר וָואלְטְן זִיכֶער גֶעדַארְפְט וַוארְטְן בִּיז זוּנְטָאג-מָאנְטָאג אַז אַן אַרְבֶּעטֶער זָאל קוּמֶען. אוּן דָא הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט אַז מַיין מַאמֶע זָאל פּוּנְקְט אִים קְלִינְגֶען פוּן אַלֶע נוּמֶערְן, עֶר זָאל נָאךְ זַיין אִין אוּנְזֶער גֶעגְנְט אוּן גְלַייךְ אַרִיבֶּערְקוּמֶען.

עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעפִירְט דִי פֵייגְלֶעךְ אוּן אָנְגֶעשְׁפְּרִיצְט דִי דְזוּקֶעס. דֶעם אַנְדֶערְן טָאג הָאט נָאךְ מַיין מַאמֶע גֶעטְרָאפְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע קְרִיכֶעדִיגֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. וַוייטֶער הָאט זִי מִתְפַּלֵּל גֶעוֶוען אַז זִי זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת אָן דִי קְרִיכֶעדִיגֶע שְׁרָצִים. מַיין מַאמֶע קְלִינְגְט וִוידֶער דֶעם אַרְבֶּעטֶער אוּן עֶר בַּארוּאִיגְט אִיר אַז דִי דְזוּקֶעס צִיעֶן זֵייעֶר חִיּוּת נָאר פוּן דִי פֵייגְלֶעךְ. יֶעצְט אַז דִי נֶעסְטְן זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט דָא וֶועלְן זֵיי נֶעלְם וֶוערְן בְּקָרוֹב. אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, בִּיז שַׁבָּת אִיז שׁוֹין נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין זֵכֶר פוּן דִי בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן. אִיבֶּערִיג צוּ זָאגְן אַז מִיר הָאבְּן גֶעהַאט אַ פְרֵיילִיכֶע שַׁבָּת!

# אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם

**ר׳ נָתָן אִין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, דָארְט וואוּ עֶר רֶעדְט וֶועגְן דִי מַחֲלוֹקֶת אוֹיפְן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, שְׁרַייבְּט ר׳ נָתָן אַז דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פַאר ר׳ יוּדְל ווִי פָאלְגְנְד: (בֶּעאַרְבֶּעט פַאר דִי קִינְדֶער צוּ פַארְשְׁטֵיין)**

אֵיינֶער אַלֵיין אִיז אַבְרָהָם אָבִינוּ גֶעוֶוען, עֶר אִיז גֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן אַ וֶועלְט פוּן גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן, ווִי אוֹיךְ זֶענֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן, גֶעשְׁוִויסְטֶער, שְׁכֵנִים אוּן אַלֶע שְׁטָאט מֶענְטְשְׁן גֶעוֶוען קֶעגְן אִים אוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסוּרִים דֶערְפוּן.

אָבֶער עֶר אִיז וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיינֶע אוֹיפְטוּעֶן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין דֶער וֶועלְט אַז עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אוּן צוּ אִים דַארְף מֶען זִיךְ וֶוענְדְן אוּן בֶּעטְן אַלֶעס נָאר פוּן אִים.

אַבְרָהָם אָבִינוּ׳ס שְׁטֵייגֶער אִיז גֶעוֶוען אַז עֶר אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁטָאט, אוּן אִיז אַרוּמְגֶעלָאפְן שְׁרַייעֶנְדִיג, אוֹי! אוֹי! גֶעוַואלְד! [ווִי אֵיינֶער וָואס זָאגְט, מִיט וָואס פִירְט אִיר אַרִיבֶּער אֵייעֶר לֶעבְן? מִיט פוּסְטְקַייט אוּן שֶׁקֶר, עֶס אִיז דָאךְ דָא אַ לֶעבֶּעדִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער] אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם זֶענֶען אִים נָאכְגֶעלָאפְן אַזוֹי ווִי מֶען לוֹיפְט נָאךְ אַ מְשׁוּגֶע׳נֶעם, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גֶעטַעֲנֶה׳ט מִיט דִי אָרְטִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אוּן זֵיי גֶע׳מוּסָר׳ט אַז זֵיי לֶעבְן אִין גְרוֹיסֶע טָעוּתִים, ווִיבַּאלְד אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גוּט גֶעקֶענְט זֵייעֶרֶע אַלֶע שִׁיטוֹת אוּן סְבָרוֹת פוּן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדָה זָרָה׳ס - וַוייל דִי עֲבוֹדָה זָרָה פוּן דִי דֶעמָאלְט׳דִיגֶע דוֹרוֹת הָאבְן גֶעהַאט אַסַאךְ סְבָרוֹת אוּן פַאדְרֵייטֶע שִׁיטוֹת. אַזוֹי הָאט עֶר מְקָרֵב גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן, יוּנְגֶע בָּחוּרִים אוּן אִינְגֶעלַייט צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן גֶעמַאכְט אַסַאךְ גֵרִים ווִי בַּאווּאוּסְט.




ווִיבַּאלְד אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גוּט גֶעקֶענְט זֵייעֶרֶע קְרוּמֶע וֶועגְן, הָאט עֶר זֵיי גוּט גֶעקֶענְט אוֹיפְוַוייזְן אַז זֵיי הָאבְן אַ בִּיטֶערְן טָעוּת, אוּן הָאט זֵיי מְגַלֶה גֶעוֶוען דִי אֱמֶת׳ע הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה אַז עֶס אִיז נָאר פַארְהַאן אֵיין בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן אוּן פִירְט דִי וֶועלְט. אַזוֹי הָאבְן זִיךְ צוּגֶעטְשֶׁעפֶּעט צוּ אִים אַפָּאר פוּן דִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן דָארְטְן.

דִי עֶלְטֶערֶע הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ נִישְׁט מְקַרֵב גֶעוֶוען, וַוייל דִי זְקֵנִים הָאבְן זִיךְ שׁוֹין אַיינְגֶעוָוארְצְלְט זֵייעֶרֶע אוּמְרִיכְטִיגֶע וֶועגְן אוּן סְ׳אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער זֵיי צוּרִיקְצוּבְּרֶענְגֶען צוּם אֱמֶת, נָאר דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים – דִי יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְן זִיךְ צוּ אִים צוּגֶעצוֹיגְן אוּן אִים נָאכְגֶעלָאפְן, אַזוֹי אִיז אַבְרָהָם גֶעגַאנְגֶען פוּן שְׁטָאט צוּ שְׁטָאט, אוּן דִי מֶענְטְשְׁן אַרוּם פְלֶעגְן אִים נָאכְלוֹיפְן.

אוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי וַוייבֶּער הָאבְן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אוֹיף דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים, אוּן הָאבְן גֶעזָאגְט אוֹיף זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה אוּן זִיךְ גֶע׳שְׁמַדְ׳ט... בִּיז זֵיי הָאבְן זֵייעֶר דֶערְוַוייטֶערְט דִי פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ אוּן הָאבְן זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּ זֵייעֶר אַלְטֶע וֶועג צוּלִיבּ דִי יִסוּרִים וָואס זֵיי הָאבְן גֶעהַאט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן וַוייבֶּער אָדֶער פוּן זֵייעֶר שְׁוֶוער. אָבֶער עֶס זֶענֶען נָאךְ גֶעווִיס

גֶעבְּלִיבְּן אַבִּיסְל וָואס זֶענֶען מִיט-דֶעם-אַלֶעם גֶעבְּלִיבְּן אוּן זִיךְ בַּאהָאפְּטְן אִין אַבְרָהָם אָבִינוּ. אַזוֹי הָאט אַבְרָהָם אָבִינוּ שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּ מְגַלֶּה זַיין דִי אֱמוּנָה אִין דֶער וֶועלְט. אוּן עֶר הָאט אוֹיךְ מְחַבֵּר גֶעוֶוען אַסַאךְ סְפָרִים אוֹיף דֶעם עִנְיָן, "טוֹיזֶענְטֶער סְפָרִים!!". אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ זוּנֶען, אוּן מִן הַסְתָם וויבאלד זיי זֶענֶען גֶעוֶוען זַיינֶע זוּן זֶענֶען זֵיי אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין זַיינֶע גְלַייכֶע וֶועגְן, וַוייל אוֹיךְ יִשְׁמָעֵאל הָאט תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

שְׁפֶּעטֶער, וֶוען אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעוָואלְט אִיבֶּערְלָאזְן זַיינֶע סְפָרִים אוֹיף דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעפָּארְשְׁט אוּן נָאכְגֶעקוּקְט וֶוער פוּן זַיינֶע זוּן קֶען זַיין דֶער פַּאסִיגֶער צוּ יַרְשְׁ'עְנֶען דִי אַרְבֶּעט. בִּיז עֶס אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן צוּ אִיבֶּערְלָאזְן פַאר יִצְחָק אָבִינוּ, אוּן עֶר הָאט אִים טַאקֶע אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.



דֶערְנָאךְ אִיז יִצְחָק אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, אוּן הָאט מְגַיֵּיר גֶעוֶוען אַסַאךְ גֵּרִים אוּן אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַסַאךְ סְפָרִים וֶועגְן חִזּוּק אִין אֱמוּנָה אוּן אוֹיסְגֶעוֶועלְט זַיין זוּן יַעֲקֹב זָאל אָנְגֵיין מִיט דִי עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ. אֲפִילוּ וֶוען עֵשָׂו הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי אַ וואויל אִינְגְל אוּן אוֹיסְגֶעפָּאפְּט זַיין טַאטְן מִיט קַשְׁיוֹת וִוי: "טַאטֶע ווִיאַזוֹי מַעשְׂר'ט מֶען זַאלְץ?" אוּן עֵשָׂו הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט וִוי עֶר הָאט אִים לִיבּ, הָאט פָּארְט זִיךְ יִצְחָק מִתְבּוֹנֵן גֶעוֶוען אוּן עֶס אִיז אִים קְלָאר גֶעוָוארְן אַז יַעֲקֹב אִיז דֶער פַּאסִיגֶער פַאר דֶער הֵיילִיגֶער אַרְבֶּעט אוּן אִים אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן.

יַעֲקֹב הָאט טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט אַסַאךְ עוֹסֵק גֶעוֶוען צוּ מְקָרֵב זַיין דִי אִינְגֶע קִינְדֶער אוּן בָּחוּרִים צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַפָּאר טוֹיזְנְט סְפָרִים אִין דֶער עִנְיָן פוּן אֱמוּנָה, עֶר הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען זַייעֶר אַ רִיזִיגֶע צָאל - גְּזְמָאוֹת פוּן סְפָרִים וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט מִיט אַלֶע זַיינֶע קִינְדֶער דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן אוּן אֱמוּנָה, וַוייל אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים, יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט אָבֶּער גֶעפָּארְשְׁט וֶועמֶען אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן זַיינֶע חָכְמוֹת, בִּיז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע חָכְמוֹת פַאר לֵוִי, אוּן פַאר אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁבָטִים הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן רָאשֵׁי פְּרָקִים.

טַאקֶע וֶועגְן דֶעם זֶענֶען שֵׁבֶט לֵוִי גֶעוֶוען דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע בַּאהָאפְּטְן אִין דִי אֱמוּנָה מֶער פוּן אַלֶע שְׁבָטִים. דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט בַּיים עֶגֶל אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם אַרְבֶּעט פוּן דִי מִצְרִיִּים, צוּלִיבּ דֶעם וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט זֵייעֶר הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה מֶער פוּן דִי בְּרוּדֶער.

מִיר בְּרֶסְלֶבֶ'ע חֲסִידִים דַארְפְן וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי אַרְבֶּעט פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אִין אוּנְזֶער דוֹר לִיגְט אוֹיף אוּנְז דִי אוֹיפְגַאבֶּע צוּ אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דִי אֱמוּנָה אִין דֶער וֶועלְט.

### *פַאר אוּנְז קִינְדֶער מֵיינְט דָאס:*

- רֶעדְן מִיט חֲבֵרִים וֶועגְן אֱמוּנָה,
- גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס אִיז פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן,
- זִיךְ נִישְׁט שְׁרֶעקְן צוּ רֶעדְן אָפְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אַז עֶר מַאכְט אַלֶעס,
- רֶעדְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי גֶעשְׁוִויסְטֶער פוּן אֱמוּנָה אוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הַשְׁגָּחָה פְּרָטִית,
- לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים וָואס רֶעדְן פוּן דֶעם,
- בֶּעטְן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת מֶען זָאל הָאבְּן אֱמוּנָה אִין אִים אוּן זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן פוּן דִי גְרוֹיסֶע וֶועלְט אוּן דִי פְרֶעמְדֶע גֶעדַאנְקֶען אוּן פְּלוֹידֶערַייעֶן וָואס מֶען הֶערְט אִין דִי גַאסְן.

# בעז"ה איך ווייס דעם ענטפער!

**ווער האט מחנך געווען אברהם אבינו און געלערנט מיט איך פון אויבערשטן אדער פון אמונה?**

- ☐ זיינע שוועסטער.
- ☐ זיין מלמד אין חדר
- ☐ ער איז געווען איינער אליין, ער האט נישט געהאט מיט וועם,

**וויאזוי איז מען נאכגעלאפן אברהם אבינו, אזוי ווי מען לויפט נאך א?!**

- ☐ גנב
- ☐ משוגע'נעם
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**וויפיל ספרים פון אמונה האט אברהם אבינו ארויסגעגעבן?**

- ☐ זעקס און צוואנציג.
- ☐ פיר הונדערט.
- ☐ טויזנטער.



קלינג אריין אין טעל-ליין אויף קנעפל 7 און זאג אריין די תשובות מיט דיין נאמען און טעלעפאן ביז מאנטאג ויראו, אדער אויב דו האסט געזאגט די תפלה קענסטו אויך אריינגיין אין גורל.

## א שטיקל פון ליקוטי תפלות (קמ"ט) אויף די וואכעדיגע פרשה

# "אחד היה אברהם"

**בַּאשֶׁעפֶער מַיין גָאט**, הֶעלְף מִיר אוּן שְׁטַארְק מִיר אִין דַיין דִינְסְט מִיט אֱמֶת, הֶעלְף אִיךְ זָאל זִיךְ מְקַרֵב זַיין צוּ דַיינֶע עֶרְלִיכֶע אוּן תְּמִימוּת'דִיגֶע לַייט וֶועלְכֶע גֵייעֶן אִין דַיינֶע וֶועגְן מִיט אַן אֱמֶת, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין כֹּחַ מִיךְ אָפְּצוּהַאלְטְן פוּנֶעם אֱמֶת'ן וֶועג אוֹיף קַיין שׁוּם אוֹפָן זָאל עֶס זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין.

שְׁטַארְק מַיין דַעַת מִיט דַיין אֱמוּנָה עֶס זָאל זִיךְ אוֹיסְזֶען אִין מַיינֶע אוֹיגְן וִוי אִיךְ בִּין אֵיינֶער אַלֵיין אִין דֶער וֶועלְט אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם", אֵיינֶער אַלֵיין אִיז אַבְרָהָם גֶעוֶוען! אִיךְ זָאל נִישְׁט צוּהֶערְן אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין שׁוּם מְנִיעָה אָדֶער לֵיצָנוּת, צֶעמִישֶׁענִישְׁן וָואס גֵייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אָדֶער חַבֶר אֲפִילוּ עֶר אִיז גְרֶעסֶער אָדֶער עֶרְלִיכֶער פוּן מִיר זָאל מִיר נִישְׁט צֶעמִישְׁן פוּנֶעם גְלַייכְן אֱמֶת'ן וֶועג.

אִיךְ זָאל זִיךְ נָאר פִירְן אוֹיפְן אֱמֶת'ן וֶועג וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט פוּן יוּנְגְוַוייז אָן פוּן אוּנְזֶערֶע אֱמֶת'ע עֶרְלִיכֶע רֶבִּי'ס.

המשך פון זייט 1

צוּגֵיין, מֶען אִיז אוּנְז מְבַלְבֵּל, מֶען שְׁטֶעלְט אוּנְטֶער אַלֶע סָארְטְן מְנִיעוֹת, עֶס קוּמְט אָן זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ דַאוֶוענֶען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אֵיינֶער דַאוֶוענְט שׁוֹין יָא ווִי מֶען דַארְף, אָבֶּער דִי פְּלָאג אוּן יְגִיעוֹת וָואס מֶען אִיז זִיךְ מְיַגֵּעַ, דִי אַלֶע כּוֹחוֹת וָואס מֶען אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ דַאוֶוענֶען דָאס אִיז אַ בְּחִינָה פוּן קָרְבָּן. זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז נִישְׁט נָאר בַּיים דַאוֶוענֶען נָאר סַיי וֶועלְכֶע עֲבוֹדָה אָדֶער קְדוּשָּׁה וָואס אַ אִיד, אַ יוּנְגֶל ווִיל זִיךְ מְקַדֵּשׁ זַיין, צוּם בַּיישְׁפִּיל, נִישְׁט הָאבְּן דִי מִדָּה פוּן כַּעַס אָדֶער אוֹיפְשְׁטֵיין אַבִּיסְל פְרִיעֶר, אָדֶער פָּאלְגְן דִי עֶלְטֶערְן, עֶסְן מֶער בִּקְדֻשָּׁה, אֲפִילוּ דֶער אִינְגֶל אִיז נִישְׁט זוֹכֶה דֶערְצוּ חַס וְשָׁלוֹם, עֶר פְּרוּבִּירְט אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן אִיז נִישְׁט מַצְלִיחַ, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "דִי יְגִיעָה, דִי מוּטְשֶׁעַרַיי, דִי הָארָאוואַנְיֶע, מִיט דִי יִסּוּרִים אוּן בִּלְבּוּלִים וָואס עֶר הָאט פוּן דֶעם אַז עֶר ווִיל זִיךְ מְקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר זַיין אָבֶּער מֶען לָאזְט אִים נִישְׁט, דָאס אַלֵיין אִיז אַ בְּחִינָה פוּן קָרְבָּנוֹת, ווִי דֶער פְרִיעֶר דֶערְמַאנְטֶער פָּסוּק, כִּי עָלֶיךָ הֹרַגְנוּ כָל הַיּוֹם".

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי מִיר זָאלְן טוּן אוּנְזֶערְס, זִיךְ מְיַגֵּעַ זַיין אִין עֲבוֹדַת ה', מִיט וָואס מֶען קֶען אוּן טָאמֶער מֶען לָאזְט אוּנְז חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט אַרַיין אִיז עֶס אוֹיךְ אַזוֹי ווִי אַ קָרְבָּן. קוּמְט אוֹיס אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַ נְקוּדָּה פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, אַ נְקוּדָּה פוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ! יֶעדֶער אִיד!

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר אַלֶע זָאלְן קֶענֶען גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט אִין דִי תּוֹרָה וָואס אִיז צְווִישְׁן דִי צְוֵויי חֲלָקִים פוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם". נִישְׁט קוּקְן אוֹיבּ אֵיינֶער שְׁפֶּעט פוּן מִיר, אִיךְ ווֵייס דֶער אֱמֶת אַז מֶען דַארְף טוּן דֶער רָצוֹן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, צוּלִיבּ דֶעם זֶענֶען מִיר גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, צוּ עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מִצְוֹות אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אַזוֹי ווִי אַבְרָהָם אָבִינוּ.

דוּרְךְ דֶעם וֶועג פוּן 'אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם' מִיר זָאלְן ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז גֶעוָואנְדְן נָאר אִין אוּנְז, מִיר מַאכְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער אַ נַחַת רוּחַ דוּרְכְדֶעם וֶועלְן מִיר קֶענֶען שְׁטֵייגְן אוּן גֵיין אִין זַיינֶע וֶועגְן אוּן צוּקוּמֶען צוּ וָואס מֶען דַארְף צוּקוּמֶען. עֶס זָאל שׁוֹין וֶוערְן מְקֻיָּם דִי בְּרָכָה וָואס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט אַבְרָהָם "וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ... וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה.

## דעם רבי'נס לייב

המשך פון זייט 2

אין די שפעטערע יארן: "איינס פון די זאכן וואס מיין טאטע פלעגט מיר מחזק זיין איז אז יעדער איד איז א בן יחיד ביים אויבערשטן. א איד דארף זיך פירן מיט'ן באשעפער ווי א קינד צו א טאטע, די טבע פון א קינד איז אז ווען אימער ער האט א פראבלעם לויפט ער גלייך צום טאטן, אמאל וויינענדיג, אמאל צושרייעט ער זיך, אמאל שטילערהייט, אבער שטענדיג לויפט ער קודם צו זיין פאטער, יעדער טאטע הערט און פארשטייט דאס שפראך און געבעט פון זיין קינד. פירט אויס מיין טאטע: 'דו הייבסט יעצט אן דיין לעבן אויף דער וועלט, דו זעסט גאנץ גוט אין וועלכע אומשטענדן מיר געפינען זיך, נעם זיך גוט אריין אין קאפ, וואס עס זאל נאר אריבערגיין אויף דיר, שטייט פאר דיר שטענדיג די מעגליכקייט זיך צו קערן צום באשעפער און בעטן פון אים אלעס וואס דו דארפסט, אזוי ווי א קינד בעט אלעס פון זיין טאטן, אויב קלאפסטו זיך ווען אימער אן אין סכנה'דיגע אומשטענדן, זאג ארויס דיין נאמען, דיין מאמע'ס נאמען און בעט ביים זיסן באשעפער זאל דיר העלפן'.

די אמת'ע ווערטער ליגט נאך ביז היינט איינגעקריצט טיף אין הארץ. עס האט זיך מיר געמאכט מער ווי איינמאל מצבים פון סכנת נפשות ממש, ווען איך האב זיך באניצט מיט די עצה וואס מיין טאטע האט מיר געראטן און כ'האב טאקע געזען אפענע ישועות פון באשעפער."




# ~ דִי צֶענְטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דער בערגער און דער אריםאן 3

**דֶערְנָאךְ אִיז** אַזוֹי גִיוֶוען כַּנַ"ל. דִי מְמוּנִים הָאבִּין גִינוּמֶען אֵיין אַנְדֶערִין מֶענְטְשְׁן. אוּן אִים הָאבְּן זֵיי גִילָאזְט. אִיז עֶר זִיךְ אַוֶועק גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּם יַם. הָאט עֶר זִיךְ גִיזֶעצְט אוֹיף אֵיין שִׁיף אוּן אִיז אַוֶועק אוֹיף דֶעם יַם.

**אִיז אָנְגִיקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט.** אוּן הָאט אַוֶועק גִיטְרָאגִין דִי שִׁיף צוּ אֵיין בָּארְטִין וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר (דְהַיְינוּ ווִיסְט) אוּן מַחֲמַת דֶעם גְרוֹיסִין אִימְפֶּעט אִיז דִי שִׁיף צוּ בְּרָאכִין גִיוָוארִין נָאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן דֶער שִׁיף זֶענֶען **נִיצוֹל גִיוָוארִין** אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס אוֹיף דֶער יַבָּשָׁה.

**אוּן דָארְט** אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר זֶענֶען דִי מֶענְטְשִׁין פוּן דֶער שִׁיף גִיגַאנְגֶען זִיךְ זוּכִין עֶפֶּעס עֶסִין. אִיטְלִיכֶער הָאט זִיךְ גִיזוּכְט עֶפֶּעס עֶסִין. וָוארִין אוֹיף דֶעם אָרְט אִיז נִיט גִיוֶוען דֶער סֵדֶר אַז דִי שִׁיפִין זָאלִין אַהִין אָנְקוּמֶען. וָוארִין סֶע אִיז גִיוֶוען מִדְבָּר. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִירֶעכְט דָארְט אַז סֶע זָאל עֶפֶּעס אַ שִׁיף אָנְקוּמֶען אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּמְקֶערִין אַהֵיים.

**זֶענֶען זֵיי דָארְט גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר** זִיךְ זוּכִין עֶסִין. אוּן זֵיי זֶענֶען צוּשְׁפְּרֵייט גִיוָוארִין אַהִין אוּן אַהֶער אִיטְלִיכֶער בַּאזוּנְדֶער.

**אִיז דֶער בָּחוּר גִיגַאנְגֶען אִין דֶער מִדְבָּר.** אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען בִּיז עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן דֶעם בָּארְטְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּמְקֶערְן. אוּן עֶר הָאט שׁוֹין נִיט גִיקֶענְט. אוּן וָואס עֶר הָאט זִיךְ גִיוָואלְט אוּם קֶערִין אִיז עֶר אַלְץ **מֶער דֶערְוַוייטֶערְט גִיוָוארִין.**

**בִּיז עֶר** הָאט גִיזֶעהְן אַז עֶר קָאן זִיךְ שׁוֹין נִיט אוּמְקֶערִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען. אִין דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר הָאט גִיהַאט אִין דֶער הַאנְט אַ בּוֹיגִין וָואס עֶר הָאט זִיךְ מַצִּיל גִיוֶוען אַ קֶעגִין דִי חַיוֹת רָעוֹת פוּן דֶער מִדְבָּר.

**אוּן ווִי עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען.** הָאט עֶר זִיךְ דָארְט גִיפוּנֶען עֶפֶּעס עֶסְן. **אוּן עֶר אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען אוּן גִיגַאנְגֶען** בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיס פוּן דֶער מִדְבָּר. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין אָרְט. וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אַ לֵיידִיק אָרְט. אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען **וַואסֶער** אוּן בֵּיימֶער אַרוּם פוּן **פֵּירוֹת.** אוּן עֶר הָאט גִיגֶעסְן פוּן דִי **פֵּירוֹת** אוּן הָאט גִיטְרוּנְקֶען פוּן **דֶעם וַואסֶער.**

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען** אִין דֶער דֵיעָה. אַז עֶר זָאל **דָארְט אַוֶועק זִיצְן** ווַייל עֶר **וֶועט לֶעבְּן.** וָוארן בְּלוֹיז אִיז זִיךְ אִים שׁוֹין שְׁוֶוער אוּם צוּ קֶערְן זִיךְ אִין יִשׁוּב אַרַיין. **אוּן וֶוער ווַייסְט** צוּ עֶר וֶועט נָאךְ קוּמֶען צוּ אַזוֹי אֵיין אָרְט. אַז עֶר **וֶועט דָאס אָרְט אַוֶועק לָאזְן.** אוּן וֶועט פוּן דַאנֶעט אַוֶועק גֵיין.

**אִיבֶּער דֶעם** הָאט עֶר גִיוָואלְט דָארְט אַוֶועק זִיצְן. אוּן עֶר זָאל דָארְט אִיבֶּער לֶעבְּן דִי וֶועלְט. וָוארְן סֶע אִיז אִים דָארְט גוּט גִיוֶוען. וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ גִיהַאט דִי פֵּירוֹת צוּ עֶסְן. אוּן וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען.

**אוּן אַמָאל** פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ אַרוֹיס גֵיין אוּן פְּלֶעגְט זִיךְ שִׁיסְן מִיט זַיין בּוֹיגְן אַ הָאז אָדֶער אַ הֶערְשׁ הָאט עֶר גִיהַאט פְלֵייש צוּ עֶסְן.

**אוּן עֶר פְּלֶעגְט זִיךְ דָארְט** חַאפְּן פִּישׁ וָוארְן דָארְט אִיז גִיוֶוען זֵייעֶר גוּטֶע פִּישׁ אִין דֶעם וַואסֶער. אִיז אִים גִיפֶעלְן אַז עֶר זָאל דָארְט **אִיבֶּער לֶעבְּן זַיינֶע יָארְן.**

**אוּן דֶער קֵיסָר.** נָאךְ דֶעם אַז סֶע אִיז שׁוֹין גִיטָאן גִיוָוארְן דֶער מִשְׁפָּט אִין דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אוּן עֶר אִיז אִים שׁוֹין פָּטוּר גִיוָוארְן (וָוארְן דֶער קֵיסָר הָאט גִימֵיינְט אַז מֶען הָאט טַאקֶע בֶּאֱמֶת אַזוֹי גִיטָאן דֶעם מִשְׁפָּט אִין דֶעם בָּחוּר אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אוֹיף דֶער וֶועלְט נִיט דָא) **הַיינְט** קָאן עֶר שׁוֹין אַ שִׁידוּךְ טָאן מִיט זַיין טָאכְטֶער.

**הָאט מֶען אִיר אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ רֵיידְן שִׁידוּכִים.** מִיט דֶעם מֶלֶךְ אוּן מִיט דֶעם מֶלֶךְ. אוּן עֶר הָאט אִיר גִימַאכְט אַ הוֹיף אַזוֹי

ווי דער סֵדֶר אִיז. און זי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. און זי הָאט זִיךְ גִינוּמֶען פַאנֶעס שְׂרָרוֹת טֶעכְטֶער זַיי זָאלְן מִיט אִיר זַיין. און זי אִיז דָארְט גִיזֶעסְן. **און זי פְלֶעגְט שְׁפִּילְן אוֹיף כְּלֵי שִׁיר** אַזוֹי ווי זַייעֶר סֵדֶר אִיז.

**און וָואס מֶע הָאט אִיר גִירֶעט שִׁידוּכִים.** הָאט זי אַלְץ גִיעֶנְטְפֶערְט. אַז זי וויל נִיט קֵיין רֵייד דְהַיינוּ מֶע זָאל רֵיידְן דֶעם שִׁידוּךְ. נָאר עֶר זָאל אַלֵיין קוּמֶען (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר וויל זִי נֶעמֶען) און זי הָאט זַייעֶר וואוֹיל גִיקָאנְט חָכְמַת הַשִּׁיר (דְהַיינוּ די חָכְמָה מֶע זָאל רֵיידְן זַייעֶר שֵׁיינֶע לִידֶער מִיט גְרוֹיס חָכְמָה).

**און זי הָאט גִימַאכְט** מִיט מְלָאכוֹת אֵיין אָרְט. וָואס עֶר זָאל אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט (דְהַיינוּ דֶער וָואס עֶר וויל זִי נֶעמֶען) און עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אַ קֶעגְן אִיר. און עֶר זָאל רֵיידְן אַ שִׁיר. דְהַיינוּ אַ שִׁיר שֶׁל חֵשֶׁק אַזוֹי ווי אַ חָשׁוּק רֶעט צוּ זַיין חְשׁוּקָה (דְהַיינוּ רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט).

**זֶענֶען גִיקוּמֶען** מְלָכִים זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין. און זַיי זֶענֶען אַרוֹיף גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם אָרְט. און זַיי הָאבְּן גִירֶעט אִיטְלִיכֶער זַיין שִׁיר. הָאט זִי אַ טֵייל אַרוֹיס גִישִׁיקְט אַ תְּשׁוּבָה דָארְךְ אִירֶע פַאנֶעס. אוֹיךְ מִיט אַ שִׁיר און מִיט לִיבְּשַׁאפְט. און אַ טֵייל וָואס זַיי זֶענֶען אִיר מֶער גִיפֶעלְן. הָאט זִי זֵיי אַלֵיין גִיעֶנְטְפֶערְט.

**און זי הָאט** אוֹיפְגִיהוֹיבְּן אִיר קוֹל מִיט אַ שִׁיר. און זִי הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיף רֵייד פוּן לִיבְּשַׁאפְט. און צוּ אַ טֵייל וָואס זַיי זֶענֶען אִיר נָאךְ בֶּעסֶער גִיפֶעלְן הָאט זִי זִיךְ אַלֵיין אַרוֹיס גִיווִיזְן פָּנִים אֶל פָּנִים. און זִי הָאט אַרוֹיס גִיווִיזְן אִיר פָּנִים. **און זִי הָאט אִים גִיעֶנְטְפֶערְט אַ שִׁיר מִיט לִיבְּשַׁאפְט.** און צוּ אַלֶע הָאט זִי אַלְץ אוֹיס גִילָאזְט צוּם סוֹף. **די וָואסֶערְן זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נִיט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגֶען.** און סֶע הָאט קֵיינֶער נִיט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי מֵיינְט.

**און אַז זִי הָאט אַרוֹיס גִיווִיזְן אִיר פָּנִים** פְלֶעגְט מֶען אַנִידֶער פַאלְן מַחְמַת גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט. און אַ טֵייל זֶענֶען גִיבְּלִיבְּן חַלָּשׁוֹת און אַ טֵייל זֶענֶען מְשׁוּגָע גִיוָוארְן מַחְמַת חוֹלַת אַהֲבָה מַחְמַת אִיר גְרוֹיס שֵׁיינְקֵייט וָואס סֶע אִיז זַייעֶר זַייעֶר ווִילְד גִיוֶועְן. און פוּן דֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט חָאטְשֶׁע זַיי זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן און זֶענֶען גֶעבְּלִיבְּן חַלָּשׁוֹת. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן פָּארְט פְלֶעגְן מְלָכִים קוּמֶען אַז זַיי זָאלְן זִיךְ מְשַׁדֵּךְ זַיין מִיט אִיר. און זִי הָאט זַיי אַלֶע אַזוֹי אָפּ גִיעֶנְטְפֶערְט כַּנַּ"ל.

**און דֶער זוּן** פוּן דֶעם בֶּערְגֶער הַנַּ"ל. אִיז זִיךְ דָארְט גִיזֶעסְן אוֹיף דֶעם אָרְט (הַנַּ"ל) און עֶר הָאט זִיךְ דָארְט גִימַאכְט אֵיין אָרְט צוּ זִיצְן דְרִינֶען. און עֶר אִיז זִיךְ דָארְט גִיזֶעסְן. און עֶר הָאט אוֹיךְ גִיקֶאנְט שְׁפִּילְן און עֶר הָאט גִיקֶענְט חָכְמַת הַשִּׁיר. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן הָאלְץ וָואס מֶע קָאן דְרוֹיס מַאכְן כְּלֵי שִׁיר (דְהַיינוּ כֵּלִים וָואס מֶע שְׁפִּילְט אוֹיף זֵיי) און עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט כְּלֵי שִׁיר. און פוּן די אָדֶערְן פוּן די חַיוֹת הָאט עֶר זִיךְ גִימַאכְט סְטְרִינֶעס.

**און עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּ שְׁפִּילְן.** און עֶר פְלֶעגְט נֶעמֶען **דָאס כְּתָב** וָואס עֶר הָאט גִיהַאט וָואס זִי הָאט אִים גִישִׁיקְט (דֶעמָאלְט אַז עֶר אִיז גִיוֶועְן אִין דֶער שִׁבְיָה) און עֶר הָאט זִיךְ גִיזוּנְגֶען און גִישְׁפִּילְט און עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּער גִיטָאן. און ווי דֶער פָּאטֶער אִיז גִיוֶועְן **אַ בֶּערְגֶער** וְכוּ' **און הַיינְט** אִיז עֶר אַהֶער פַארְוָוארְפְן גִיוָוארְן.

**און עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** און הָאט גִינוּמֶען **דָאס כְּתָב** און הָאט זִיךְ גִימַאכְט אַ סִימָן אִין אַ בּוֹים. און עֶר הָאט דָארְט אִין דֶעם בּוֹים גִימַאכְט אֵיין אָרְט. און הָאט דָארְט דָאס כְּתָב בַּאהַאלְטְן. און עֶר אִיז דָארְט גִיזֶעסְן אַ צַייט.

**אַמָאל אִיז גִיוֶועְן** אַ גְרוֹיסֶער שְׁטוּרֶעם ווִינְט. און עֶר הָאט צוּ בְּרָאכְן אַלֶע בֵּיימֶער וָואס זַיי זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען. הָאט עֶר נִישְׁט גִיקָאנְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים וָואס עֶר הָאט דָארְט בַּאהַאלְטְן **דָאס כְּתָב**. וָוארְן אַז די בֵּיימֶער זֶענֶען דָארְט גִישְׁטַאנֶען אוֹיף זַייעֶר אָרְט. הָאט עֶר גִיהַאט אַ סִימָן צוּ דֶערְקֶענֶען. אָבֶּער הַיינְט אַז זַיי זֶענֶען אֵיין גִיפַאלְן. **אִיז דֶער בּוֹים פַארְמִישְׁט גִיוָוארְן** צְווִישְׁן די אִיבְּרִיקֶע בֵּיימֶער וָואס סֶע אִיז דָארְט גֶעוֶוען זַייעֶר פִיל הָאט עֶר שׁוֹין נִיט

גֶעקֶענְט דֶערְקֶענֶען דֶעם בּוֹים אוּן דָאס אִיז נִיט גִימָאלְט אַז מֶע זָאל אוֹיף שְׁפַּאלְטְן אַלֶע בֵּיימֶער אוּן מֶע זָאל זוּכְן **דָאס כְּתַב** וָוארְן סֶע גִיוֶועןן זֵייעֶר פִּיל בֵּיימֶער. הָאט עֶר זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גִיוֶועןן.

**אוּן עֶר הָאט פַּארְשְׁטַאנֶען** אַז עֶר וֶועט דָא זִיצְן וֶועט עֶר בְּוַודְאַי מְשׁוּגָע וֶוערְן מַחְמַת גְרוֹיס צַעַר וָואס עֶר הָאט גִיהַאט.

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן** עֶר מוּז אַוֶועק גֵיין וַוייטֶער. אוּן וָואס סֶע וֶועט זִיךְ שׁוֹין מִיט אִים טָאן לָאז זִיךְ טָאן. גֵיין אַוֶועק מוּז עֶר. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ שׁוֹין בְּלוֹיז מְסוּכָּן זֵייעֶר מַחְמַת גְרוֹיס צַעַר.

**אוּן עֶר הָאט זִיךְ** גִינוּמֶען פְלֵיישׁ אוּן פֵּירוֹת אִין אַ זַאק אַרַיין. אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען וִוי הִין עֶר וֶועט גֵיין. אוּן עֶר הָאט זִיךְ גִימַאכְט סִימָנִים אִין דֶעם אָרְט וָואס עֶר אִיז פוּן דָארְט אַוֶועק גִיגַאנְגֶען.

**אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען** בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ אֵיין יִשׁוּב. **הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט** וָואס פַאר אַ מְדִינָה אִיז דָאס. הָאט מֶען **אִים גִיעֶנְפֶערְט**. הָאט עֶר גִיפְרֶעגְט. **אוֹיבּ מֶע הֶערְט דָא פוּן דֶעם קֵיסָר.** (הַנַּ"ל). הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. **יוֹא.** הָאט עֶר **גִיפְרֶעגְט.** אוֹיבּ מֶע הֶערְט דָא פוּן זַיין טָאכְטֶער דִי יְפַת תּוֹאַר. **הָאט מֶען אִים גִיעֶנְפֶערְט. יוֹא.** לוּשְׁמִיר סֶע קָאן זִיךְ קֵיינֶער מִיט אִיר נִיט מְשַׁדֵךְ זַיין (כַּנַּ"ל וָוארְן זִי ווִיל נִיט כַּנַּ"ל)

**הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן.** מַחְמַת עֶר קָאן שׁוֹין אַהִין נִישְׁט קוּמֶען. אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּם מֶלֶךְ פוּן דֶער מְדִינָה. **אוּן הָאט אִים אוֹיס דֶערְצֵיילְט גָאר זַיין הַארְץ.** אוּן אַז עֶר אִיז אִיר חָתְן אוּן אִיבֶּער אִים ווִיל זִי קֵיין אַנְדֶערְן שִׁידוּךְ נִיט. אוּן מַחְמַת עֶר קָאן אַהִין נִישְׁט קוּמֶען. דְרוּם גִיט עֶר אָפּ אַלֶע סִימָנִים וָואס עֶר הָאט צוּ דֶעם מֶלֶךְ דְהַיינוּ **דִי זִיבְּן וַואסֶערִין** הַנַּ"ל. אוּן דֶער מֶלֶךְ זָאל זִיךְ גֵיין אַהִין וֶועט עֶר זִיךְ מְשַׁדֵךְ זַיין מִיט אִיר. אוּן אִים זָאל עֶר גִיבְּן גֶעלְט דֶערְפַאר.

**הָאט דֶער מֶלֶךְ דֶערְקֶענְט.** אַז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען **אֶמֶת.** וָוארְן מֶען קָאן זִיךְ אַזוֹינְס נִיט אוֹיסְטְרַאכְטְן פוּן דֶעם הַארְץ. אִיז דִי זַאךְ דֶעם מֶלֶךְ גִיפֶעלְן. **נָאר דֶער מֶלֶךְ הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן** אַז עֶר וֶועט זִי דָא בְּרֶענְגֶען אַהֶער. אוּן דֶער בָּחוּר וֶועט דָא זַיין. אִיז זִיךְ פַאר אִים נִיט גוּט. זָאל עֶר אִים הַארְגֶענֶען הָאט עֶר נִיט גִיוָואלְט טָאן אַזוֹי אַזַאךְ וָוארְן פַארְוָואס זָאל מֶען אִים נָאךְ הַארְגֶענֶען פַאר דֶער טוֹבָה וָואס עֶר הָאט אִים גִיטָאן.

**בְּכֵן הָאט זִיךְ דֶער מֶלֶךְ מְיַישֵׁב גִיוֶועןן** עֶר וֶועט אִים **פַּארְשִׁיקְן** אוֹיף צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל וַוייט. הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן נָאךְ וָואס עֶר פַארְשִׁיקְט אִים פַאר אַזוֹי אַ טוֹבָה וִוי עֶר הָאט אִים גִיטָאן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען דָארְט אוֹיךְ צוּ אֵיין אַנְדֶערְן מֶלֶךְ.** אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי דֶערְצֵיילְט כַּנַּ"ל (דְהַיינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן ווַייל סֶע הָאט אִים פַארְדְרָאסְן וָואס דֶער עֶרְשְׁטֶער מֶלֶךְ הָאט אִים פַארְשִׁיקְט אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין אַנְדֶערְן מֶלֶךְ אוּן הָאט יֶענֶעם אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶע סִימָנִים כְּדֵי דֶער אַנְדֶערֶער זָאל גִיךְ לוֹיפְן נֶעמֶען דִי יְפַת תּוֹאַר)

**אוּן הָאט אִים מוֹסֵר גִיוֶועןן אַלֶע סִימָנִים** אוּן צוּ דֶעם אַנְדֶערְן הָאט עֶר נָאךְ מוֹסִיף גִיוֶועןן **מֶער אַ סִימָן.**

**אוּן עֶר הָאט אִים גִיהֵייסְן** אוּן הָאט אִים מְזַרֵז גִיוֶועןן אַז עֶר זָאל תֵּיכֶף פָארְן. טָאמֶער וֶועט עֶר קֶענֶען יֶענְעם מֶלֶךְ אִיבֶּער יָאגְן. כְּדֵי עֶר זָאל פְרִיר קוּמֶען אַהִין. אוּן אַפִילוּ אַז עֶר וֶועט נִיט פְרִיר קוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער **אַ סִימָן מֶער** פוּן דֶעם עֶרְשְׁטְן.

**אוּן דֶער אַנְדֶערֶער הָאט זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי מְיַישֵׁב גִיוֶועןן** וִוי דֶער עֶרְשְׁטֶער (אַז סֶע אִיז פַאר אִים נִיט גוּט אַז דֶער בָּחוּר זָאל דָא זַיין) הָאט דֶער אַנְדֶערֶער מֶלֶךְ אִים אוֹיךְ **פַּארְשִׁיקְט** אוֹיף צְוֵויי הוּנְדֶערְט מַייל וַוייטֶער. הָאט עֶס אִים וִוידֶער זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן.

**אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען וִוידֶער צוּם דְרִיטְן** (דְהַיינוּ דֶער בָּחוּר דֶעם בֶּערְגֶערְס זוּן אִיז וִוידֶער גִיגַאנְגֶען צוּ אֵיין מֶלֶךְ דָאס אִיז שׁוֹין גִיוֶועןן דֶער דְרִיטֶער. אוּן הָאט אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיזָאגְט כַּנַּ"ל דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה) **אוּן צוּ דֶעם דְרִיטְן הָאט עֶר נָאךְ מֶער סִימָנִים גִיזָאגְט זֵייעֶר גוּטֶע סִימָנִים.**



טייערע ברסלב'ע קינדער!

די וואך אז מען האט שוין געריקט דעם זייגער אין ארץ ישראל און מען שטעלט זיך דאווענען שחרית 'שבת אינדערפרי' 6:45 ברכות לאמיר זיך אלע קינדער שטארקן און פאלגן דעם הייליגן רבי'ן וואס האט געזאגט: "גאר מיין זאך איז תפלה", און בעטן דעם באשעפער צו זיין צייטליך אין שול.

א אינגל וואס וועט שוין זיין אין שול פאר קדיש פון הודו, וועט אריינגיין אין א שיינע גורל, דורכן לאזן א הודעה אין קנעפל 7 און זאגן דיין נאמען און טעלעפאן און דאס ווארט 'גאר מיין זאך איז תפלה' (ביז מאנטאג ווירא).

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צענטע מעשה (3) - פונעם בערגיר מיטן ארימאן

**א. צו וואו איז דער זון פון בערגיר אונגעקומען נאכן גיין אויפן ים?**
- ☐ צו א מדבר
- ☐ צו א ישוב
- ☐ צו א גרויסע מדינה

**ב. וויפיל צייט האט ער געטראכט דארט צו בלייבן?**
- ☐ אפאר יאר
- ☐ ווי לאנג ער לעבט
- ☐ ביז דער קעניג וועט אים זוכן

**ג. האט דער קיסר געוואוסט דער אמת אויב דער זון פון בערגיר לעבט?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ ער איז געווען מסופק

**ד. וועלכע שידוכים האט מען אנגעהויבן רעדן פאר די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ מיט קעניגן
- ☐ חשובע הערן
- ☐ גרויסע עשירים

**ה. וואו איז די טאכטער פון קיסר געזיצן מיט אירע חברט'ס?**
- ☐ אין א קעניגליכן פאלאץ וואס מ'האט איר געבויט
- ☐ אין איר מאמע'ס הויז
- ☐ אין א חצר וואס איר טאטע האט פאר איר געמאכט

**ו. וואס האט די טאכטער פון קיסר דארט געטאן?**
- ☐ געמאלעוועט בילדער
- ☐ געזונגען
- ☐ געשפילט אויף כלי שיר

**ז. וואס האט זי געענטפערט אויף אלע שידוכים וואס מ'האט איר פאר געלייגט?**
- ☐ איך וועל זיך איבער טראכטן
- ☐ איך וועל פרעגן דער קיסר
- ☐ אבער די זיבן וואסערן זענען דיר ניט איבער געגאנגען

**ח. ווער האט פארשטאנען וואס דאס מיינט?**
- ☐ אלע קעניגן
- ☐ נאר איין קעניג
- ☐ קיינער האט נישט פארשטאנען

**ט. וואס האט דער זון פון בערגיר געטאן אין מדבר?**
- ☐ ער האט זיך געמאכט א ארט (פלאץ) דארט צו זיצן
- ☐ ער האט זיך געמאכט כלי שיר
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואו האט ער באהאלטן די כתב וואס ער האט באקומען פון די טאכטער פון קיסר?**
- ☐ אין א בוים
- ☐ אין א הייל
- ☐ אין א גרוב אין דער ערד

**יא. פארוואס האט ער זיך מייעש געווען אז ער מוז אוועק גיין פון די מדבר?**
- ☐ ווייל ער האט נישט געהאט וואס צו עסן
- ☐ ווייל די בוימער זענען געווארן אויסגעמישט, האט ער שוין נישט קיין שאטן
- ☐ ווייל ער וועט משוגע ווערן פון צער אז ער האט נישט די כתב

**יב. צו וואו איז ער נאכדעם אונגעקומען?**
- ☐ צו א וואוסטער מדבר
- ☐ צו א גרויסע מדינה
- ☐ צו א ישוב

**יג. וועלכע סימנים האט ער איבערגעגעבן פאר דער קעניג פון יענע לאנד**
- ☐ די זיבן וואסערן
- ☐ די כתב וואס ער האט באקומען פון די בת קיסר
- ☐ די סימן אין וועלכע בוים ער האט באהאלטן די כתב

**יד. וואס האט דער קעניג געטאן פארן זון פון בערגיר?**
- ☐ ער האט אים פארשיקט הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים פארשיקט צוויי הונדערט מייל
- ☐ ער האט אים געמאכט פאר א יעדנירא?

**טו. וואס האט דער זון פון בערגיר נאכדעם געטאן?**
- ☐ ער האט איבער געגעבן די סימנים פאר א אנדער קעניג און האט צו געלייגט נאך א סימן
- ☐ ער איז אליין געגאנגען צו די טאכטער פון קיסר
- ☐ ער איז צוריק געגאנגען אין מדבר

**טז. וואס לערנסטו זיך דערווייל ארויס פון די מעשה?**
- ☐ די נאמנות פון די טאכטער פון קיסר צו דער בן בערגיר
- ☐ די יאוש פון דער בן בערגיר
- ☐ ____________________

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72

1-518-329-9149

בס"ד

מתמידים

# והודעתם לבניך

אייערע קינדער זאלט איר מודיע זיין וואס דא האט זיך געטון

# אייערע קינדער לאזט וויסן...

אין דעם מתמידים ווערט בעז"ה פארגעלערנט דורך ערליכע ברסלב'ע מגידי שיעור און מלמדים,

קיצור שולחן ערוך, ספרי ברסלב דורך א טעלאפאן ליין.

אויך וועט געטיילט ווערן מתנות און גורלות, און נאך פראגראמען בעז"ה.

בשורה טובה מיט גרויס פרייד טוען מיר מעלדן אז די רעגיסטראציע פון מתמידים גייט אן אין פולן שוואונג. ביטע איינשרייבן אייער אינגל ווי אמשנעלסטן אז מיר זאלן נאך אניאגן צו שיקן דעם ערשטן פעקעדזש נאך פאר די מתמידים הייבט זיך אן.

## די מתמידים הייבט זיך אן בעז"ה

## זונטאג חיי שרה, י"ט חשון הבעל"ט

די **לעצטע טאג**
זיך איינצושרייבן און קענען באקומען בעז"ה די פעקעדש צו אנהייבן מיט אלע קינדער איז זונטאג וירא ביינאכט

זיך איינצושרייבן רופט:

**1-518-329-9227**

**646-213-4766**

**02037459540** ענגלאנד

**0733517202** ארץ ישראל